NYC Health

# מעלדונג פאר Carnegie Hill און Yorkville וועגן די לידזשינעירס קרענק

די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט פארשט אויס עטליכע פעלער פון די לידזשינעירס קרענק אין Carnegie Hill און Yorkville (זיפ קאודס 10028, 10128, און 10075).

**די לידזשינעירס קרענק איז א סארט נומאניע. פאר רוב מענטשן איז די ריזיקע נידריג, אבער אויב איר וואוינט אדער ארבעט אדער האט באזוכט די זיפ קאודס און איר האט סימפטאמען ענליך צו די פלו, זאלט איר גלייך גיין צו א דאקטער. סימפטאמען נעמען אריין פיבער, טרייסלען, מוסקלען ווייטאג, היסן, און שוועריגקייטן צו אטעמען.**

פאר הילף מיט'ן טרעפן א דאקטער, אפגעזען פון אייער אימיגראציע אדער אינשורענס סטאטוס, רופט **311** אדער **844-692-4692**. פאר לעצטע אינפארמאציע, אריינגערעכנט באשטעטיגטע קעיס נומערן, באזוכט **nyc.gov/legionnaires**.

דיווארשיינליכע מקור פון די באצילן וועלכע פאראורזאכן די נומאניע איז אן אפקילונג געביידע אין די אנגעשטעקטע געגנט. אפקילונג געביידעס זענען וואסער סיסטעמען וועלכע געפונען זיך געווענליך אויפ'ן דאך פון געביידעס. זיי קאנטראלירן די טעמפעראטור פון אפקילונג סיסטעמען, אזוויי פרידזשידערס. די אפקילונג געביידעס שפריצן א פליסיגקייט פון אויבן וואס ענטהאלט די באצילן. אלע אפקילונג געביידעס אין די אנגעשטעקטע געגנט ווערן אונטערגעזוכט דורך די העלט דעפארטמענט.

**דאס איז נישט א פראבלעם מיט סיי וועלכע געביידע'ס פלאמבינג סיסטעם. עס איז פארזיכערט פאר אייך צו טרינקען וואסער, זיך באדן, נעמען א שאוער, קאכן, און נוצן אייער עיר קאנדישן.**

**עס איז ספעציעל וויכטיג ווייטער צו נוצן אייער עיר קאנדישן ווען די סיטי גייט אדורך עקסטרעמע היץ און טעמפעראטורן דערגרייכן שעדליכע שטאפלען.**

פאר מער אינפארמאציע, אדער אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס, ביטע באזוכט **nyc.gov/legionnaires**, רופט **311**, אדער אימעילט די העלט דעפארטמענט אויף **communityaffairs@health.nyc.gov**.

7.26 Yiddish